בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ד' | נח | ה' חשון | תשע"ב | פסחים: ק"ג:

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן נאכט ווען מרן רבינו שליט"א איז אנגעקומען אויף וויליאמסבורג אויפצונעמען אנ"ש, האט דער רבי שליט"א אפגעשטאהט א באזוך ביי האדמו"ר מ'קוויאשד שליט"א ממלא מקום אביו כ"ק אדמו"ר מ'קיוויאשד זצ"ל ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינער שמועס בדברי תורה און נאך.

❧•☙

בעת דער רבי שליט"א האט אויפגענומען אנ"ש בקו"פ זענען משפחת גאנץ החשובה שיחיו וועלכע גיבן אריין א ספר תורה קומענדיגן זונטאג הבעל"ט בבית מדרשינו ברך משה אין וויליאמסבורג, אריין אל הקודש פנימה ווי דער רבי שליט"א האט אריינגעשריבן אן אות לגומרה של תורה.

❧•☙

אויך זענען אריין די תלמידים יוצאי כיתה מכינה לישיב"ק – שנת תשע"א מיט'ן מנהל הר"ר יודא בער טעללער שליט"א ווי דער רבי שליט"א האט געשאנקען פרסים לכבוד די הצטיינות'ן פון פארגאנגענעם סוף זמן העעל"ט.

❧•☙

אינצווישן זענען אריין אל הקודש פנימה ספעציעלע שליחים פון הגאון ר' ראובן פיינשטיין שליט"א ראש ישיבת סטעטן איילאנד, ווי זיי האבן דורכגערעדט מיט'ן רבי'ן שליט"א ענינים העומדים על הפרק בשליחות פון זייער ראש ישיבה שליט"א.

❧•☙

אזוי אויך איז הגה"צ ר' משה טייטלבוים שליט"א דומ"ץ דקהלתינו ירושלים – וועלכער ווילט אצינד דאהי' אין ניו יארק צוליב א משפחה שמחה – אריין אל הקודש פנימה שלום נעמען פון רבי'ן שליט"א.

❧•☙

שפעט ביינאכט נאכ'ן ענדיגן געזעגענען דעם ציבור אנ"ש איז דער רבי שליט"א געגאנגען צום בנין ישיבה לצעירים אויף ספענסער סט. אינעם בנין וואס באלאנגט פאר הרבני הנגיד מוה"ר מאיר שטערן הי"ו מחשובי אנ"ש, ווי דער רבי שליט"א האט באזוכט אין גאנצן בנין הישיבה און דאן מאציל געווען ברכת קדשו פאר די געטרייע הנהלת הישיבה, און ספעציעל פאר הרבני הנגיד מוה"ר אברהם ברש"ח בראן הי"ו וועלכער איז דער בריח התיכון פון די ישיבה און גיט זיך אוועק בכל נפשו ומאודו למען ההצלחה.

אזוי אויך האט דער רבי שליט"א אנגעוואונטשן פאר הרבני הנגיד מוה"ר שלום יצחק יאקאבאוויטש הי"ו, און העסקן מוה"ר מאיר פערל הי"ו וועלכע געבן זיך אוועק פאר די ישיבה.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' – בהנהלת הר"ר לוי יצחק בארזעסקי שליט"א ווי דער רבי שליט"א האט נאכ'ן דאווענען געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים, און דערנאך זענען אלע תלמידים אדורכגעגאנגען שלום נעמען פון רבי'ן שליט"א.

## התחלת הזמן בין כותלי בית מדרשינו אין אנטווערפן יצ"ו

שטייענדיג אצינד ביים אנהייב פונעם ווינטער זמן תשע"ב לפ"ק, האבן אנ"ש תושבי אנטווערפן אנגעהויבן בשעטומ"צ דעם נייעם זמן ביתר שאת וביתר עוז.

אין די נאכט שטונדען (וואס ביזדערווייל איז היכל בית מדרשינו נאר אפן צום באנוץ פונעם ציבור אין די פארנאכט'ס און נאכט שטונדן פאר מנחה און מעריב) זיצן א גרויסער ציבור אידן וועלכע זענען זיך קובע עתים לתורה בהיכל בית מדרשינו המפואר – אזוי ווי עס האט כסדר געלויטעט די תקנה פון רבותיה"ק קובע צו זיין דעם מקום צום לערנען דייקא אין אונזערע בתי מדרשות, און צווישן זיי אויך די אברכים יקרים לומדי הכולל ערב "יסודי התורה".

אזוי אויך האבן די חשובע אינגעלייט אברכי קהלתינו הק' אנגעהויבן בשעטומ"צ די זמני הלימודים אין אונזער כולל המפוארה ויואל משה ד'סאטמאר, אין די פארמיטאג און נאכמיטאג שטונדן ווי צענדליגע אינגעלייט זענען זיך ממית באהלה של תורה לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא ובהויות דאביי ורבא, און אזוי אויך יעדן שב"ק, ווען די תפלות ווערן אפגעראכטן מיט גרויס ווארעמקייט און דערהויבנקייט ווי עס פאסט זיך פאר א הערליך חסיד'יש סאטמארן בית המדרש. און ספעציעל די עת רעוא דרעוין וועלכע ווערט אויסגעניצט אויפן שענסטן פארנעם וואס איז נאר שייך.

*-ילכו מחיל אל חיל-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.